# ...ינא * ראדיא

## „טעאטער אויף יודיש".

### ...סערען, טעאטער-דירעקטארען ...ער-טהוער.

...דישען טעאטער נישט געשעפט מיט פו-לע הענד פון פרעמדען רעפערטואר? טעהר נישט, זיי האבען דאס פרעמדע, פעריודישט, אריבערגעטראגען עס אין א יודישער סביבה. זענען די סוזשעטען דורך דעם געווארען יודישע? קאן בכלל דער רעפערטואר בעשטימען דעם יודישען אדער נישט-יודישען כאראקטער פון א טעאטער?

לאמיר אננעהמען אויף א ווײַלע, אז א פויליש אדער אוקראיניש טעאטער אין א פראווינץ-שטאדט בעשליסט צוליעב קאניונקטור-טעמים צו שפיעלען א גאנצען סעזאן פיעסעס מיט יודישען אינהאלט. וועט עס ווערען א יודיש טעאטער?

יודיש, פויליש, דייטש — איז נישט א טעאטער דורך דעם, וואס עס שפילט יודישע, פוילישע, דייטשישע פיעסעס. יודיש, פויליש, דייטש ווערט א טעאטער דורך דעם, וואס שאפונגען—אייגענע און פרעמדע—געהען-דורך דורך דעם טעמפעראמענט פון יודישע, פוילישע, דייטשע קינסטלער און ווערען אויפגענומען און מיטגעלעבט פון יודישען, פוילישען, דייטשען עולם. אזוי ארום וועט „האמלעט" זיין אנ'אנדערער אין ענגלישען; אנ'אנדערער אין פוילישען און אנ'אנדערער אין יודישען טעאטער. דאס זעלבע ווערק פון שעקספיר'ן וועט אנדערש רוישען אין בלוט פון ענגלישען, פוילישען, יודישען קינסטלער, אנדערש אבהילכען אין הארץ פון ענגלישען, פוילישען, יודישען צוהערער. און נישט נור פערשידען וועלען שאפען און אויסנעהמען פעלקער, נאר אויך איינצעלנע דורות. צווישען דייטשען „האמלעט" פון יאהר 1900 און דייטשען „האמלעט" פון 1928 איז א ווייטער מהלך.

וואס הייסט בכן יודיש טעאטער? — יענץ טעאטער, וואס שפיגעלט אב צער און פרייד, האפנונג און בענקשאפט פון יודישען מענש אין אונזער צייט. מיט וועלכע פיעסען, מיט וועלכע טעאטראלע מיטלען דאס זאל נישט דערגרייכט ווערען — אלץ איינס. דער עיקר איז דער ציעל: דאס טעאטראלישע אויסלעבען זיך פון קינסטלער און מאסע.

## ...ם פובליקום?

### ...טשארלי טשאפלין.



ה' דירעקטאר און זיינע 25 דאלאר...

מיין מיינונג איז, אז דאס פובליקום ווייסט נישט, וואס עס וויל. קיינמאל האט דאס פובליקום נישט געטראכט איבערן געשטאלט, וואס איך האב געשא...ען אין אזוי פיעל פילמען... מיין „קא...ליק" האט געדארפט בעהאנדעלט ווע...ען סובטעל; דערווייל האט מען פון ...מיר פערלאנגט ברוטאלע פארסען. ...פלוצלינג, אינגאנצען אונערווארטעט ...פאר מיר — בין איך געווארען א וועלט-בעריהמטהייט.

פאר-וואס? וואס האט אין מיר דאס ...יקום אויסגעפינען, ווייס איך נישט. ...אז

## אין דער ראדיא-וועלט.

### „פאו, פאו, פאו"...

„פאו, פאו, פאו"... כמעט קיינער ווייסט נישט, וואס די דאזיגע דריי צייכענס בעדייטען, אבער יעדע ראדיא-סטאציע, וועלכע כאפט אויף די דאזיגע דריי געהיימניספולע צייכענס, ווייסט, אז דאס מיינט מען: אנ'עראפלאן געפינט זיך אין געפאהר! אלע אנדערע עראפלאנען, וואס געפינען זיך דאמאלס אין דער לופטען און האבען אויך געהערט די דריי צייכענס, מוזען באלד אויפהערען צו שיקען זייערע אייגענע סיגנאלען און אנשטעלען זיך אויף דער כוואליע פון יענעם עראפלאן, וואס בעט הילף.

אין פאל, ווען נאך דעם רוף „פאו" קומען-נאך די צייכענס „ס. א. ס.", בעדייט עס, עס דראהט א דירעקטע געפאהר די פאסאזשירען, וואס געפינען זיך אין עראפלאן.

די רעטונג פון דער טראגישער נאבילע-עקספעדיציע איז געקומען אדאנק דער ראדיא-מעלדונג פון אנ'עראפלאן, וואס איז דורכגעפלויגען דאס ארט פון דער קאטאסטראפע; דאס בעווייזט אמשטארקסטען, וואס פאר א קאלאסאלע בעדייטונג דער ראדיא האט פאר'ן פליה-וועזען.

זעלבסטפערשטענדליך, זענען ביים היינטיגען טאג פערזעהן מיט דער ראדיא-אפאראטור אלע גרעסערע עראפלאנען, וועלכע פיהרען-איבער פאסאזשירען. א דאנק דער דאזיגער איינריכטונג האט זיך די זיכערהייט פון פליהען א סך פערגרעסערט. נאך מיט צוויי יאהר צוריק האט יעדער פילאט מורא געהאט צו פליהען דורך וואלקענס. קיינמאל האט ער נישט געוואוסט, ווי אזוי די ערד וועט איהם אויסזעהן פון אונטען, ווען ער וועט זיך ארויסבעקומען פון די וואלקענס. גאנץ אפט טרעפט זיך, אז די וואלקענס צולעגען זיך איבער דער ערד אין דער פארם פון נעבלען, און דער פליהער, מיינענדיג, אז ער איז נאך אלץ אין דער ספערע פון די וואלקענס, צעקלאפט זיך אן דער ערד. היינט לאזט זיך דער פליהער אין די געדיכטסטע וואלקענס מיט א לייכט געמיט אהן שום מורא, און דעמאלס, ווען אויף אונזער ערד גיסט א רעגען שטראמענוויז, פליהט ער זיך איבער די וואלקענס אין די העלע שטראהלען פון דער זון.

ווען עס קומט-אן די צייט פון אראבלאזען זיך, שיקט דער פילאט דורכ'ן ראדיא א צייכען „א. ק. ס.". דאס בעדייט, אז די נאהנטע ראדיא-סטאנציע זאל איהם שיקען א מעלדונג וועגען די וועטער-פערהעלטעניסען אויף דער ער... באלד דערנאך קומט פאר זעהר ...בהאפטער שמועס צווישען דעם ...ט דער ראדיא-סטאציע אוי...

# איך פאָהר קיין א״י...

כי מנגד תראה את הארץ ושמה לא תבוא...
(האזינו נ״ב)

פון שלום שוואַרצבאַרד.

72451

## קאַיר.

נישט ווייט אויף דעם פעסטונגס־פּלאַץ, געפינט זיך אַ מין קרענעצע פון זעהר אַלטע צייטען מיט געדרעהטע טרעפּ, ווי אַ שאַרף. טיעף איז דער גרוב, אַנ׳ערך הונדערט מעטער, און ס׳איז אַ סברא, אַז ס׳איז געווען געמאַכט פאַר אַ תּפיסה אַמאָל און מ׳רופט עס אַן יוסף׳ס תּפיסה; מ׳וויל נישט אַנדערש האָבען, נאָר אַז יוסף זאָל דאָרט האָבען פערבראַכט אַ פּאָר יאָהר און, אַז אין דעמזעלבען גרוב איז געקומען צו איהם דער מלאך גבריאל אויסלערנען די שבעים לשונות, וואָס ער האָט געניטיג געהאַט, כּדי צו קומען שפּעטער פאַר פּרעה׳ן, איהם פּותר חלום זיין זיינע חלומות...

אויסער דעם אָרט, וואו מ׳האָט משה׳ן אַרויסגעשלעפּט פון נ[ילוס] און יוסף׳ס תּפיסה, זענען פעראַן פיעל יודישע שפּורען פון אַלטע צייטען. אין אבן־עזרא׳ס שוהל, וואָס געפינט זיך אין דעם טייל שטאָדט פון די קאָפּטען, נית ווייט פון זייער עלטסטען קלויסטער, מיט אַ צעטעלע אויף דער וואַנט, אָנגעשריבען אין אַ מגן־דוד און אַנ׳אָנווייזונג, וואו די שוהל געפינט זיך — איז פעראַן אַ פּלאַץ „וואו משה האָט צום ערשטען מאָל פערשפּרייט זיינע הענט צו גאָט"; אויך פעראַן אַ מקוה, וואו דער אבן־עזרא פלעגט זיך טובל זיין; אויך צוויי אַלטע אָבגעברענטע פּאַרמעטענע ספרי תּורות, וואָס אַ סברא, אַז איינע פון זיי זאָל נאָך שטאַמען פון פאַר׳ן חורבן בית המקדש. ווייטער איז פעראַן אַ ספּעציעלע יודישע געגענד מיט שמאָלע שמוציגע יודישע געסלעך, וואו ווייבער און קינדער פּלאָנטערן זיך פאַר די פיס, מעהר ווי איבעראַל. דאָרט געפינט זיך אַ שוהל, וואָס הייסט דעם רמב״ם׳ס שוהל, און עפּעס אַ קעלער, וואו ס׳איז דאָ אַ בעטעל, וואָס אַז מ׳נעכטיגט איבער אויף איהם, ווערט מען אינגאַנצען געהיילט: דאָרט האָט דער רמב״ם אַמאָל געהיילט קראַנקע...

נישט ווייט פון די געסלעך, איז פעראַן אַ גאַס, וואו שבתי־צבי האָט צום דריטען מאָל חתונה געהאַט מיט זיין „הימלישער" בעשערטער, שרה׳ן.

---

ריינער און פרייער לעבען די קאַראַאימער, כּמעט אָבגעזונדערט. דאָך ציכטינער, און דעם גרוק האָב איך נאָך אַבטראָפען דעם חכם פון די קאַראַאימען ווי מ׳רופט זיי דאָרט, וואָס זעהט מעהר אויס ווי אַ מאָהמעדאַנישער דערוויש, ווי אַ חכם. דאָך האָט ער גערעדט אַביסעל העברעאיש מיט אונז. זיין מוטערשפּראַך איז אַראַביש.

דער ראַבינער איז אַ מענש מיט אַ ברייטער פיעל־זייטיגער בילדונג. ער רעדט עטליכע אייראָפּעאישע שפּראַכען און קען גוט די יודישע געשיכטע; ער אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט׳ן יודישען לעבען פון דער איצטיגער צייט.

— איך האָב שוין געהאַט דאָס גליק צו זעהן ביאַליק׳ן, ווען ער איז דורכגעפאָהרען קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויפ׳ן וועג קיין ארץ־ישראל און אַצינד איהר, מיין טייערער, וואָס מאַכט מיר אַ גרויס פערגעניגען!

ר׳האָט מיר דערצעהלט, אַז ר׳האָט נית לאַנג געדרוקט וועגען רמב״ם און זיין לעהרע און אויך וועגען שבתי־צבי און זיין צייט. איבערהויפּט איז ער מעהר מיניסטער, ווי ראַבינער און אַנ׳אָפּטער איינגעהער ביי׳ם קעניג פואַד; ער מישט זיך שטאַרק אין דער עגיפּטישער פּאָליטיק. ווי ס׳ווייזט אויס, קאָנען זיך די עגיפּטישע יודען נישט בעקלאָגען און מקנא זיין זייערע ארץ־ישראל׳דיגע ברידער, ווען עס לעבט זיך פיעל ערגער פון זיי. ווייטער קלאָגען זיך די יודען אויף משה רבינו, פאַרוואָס ער האָט פערלאָזט אַזאַ פעט לאַנד ווי מצרים און איז געגאַנגען בלאָנדזשען מיט די יודען 40 יאָהר אין מדבר און צולעצט אויסגעפונען אַ טרוקענעם שטיינערדיגען באָדען. וואָלט דען נישט בעסער געווען, ווען משה זאָל געווען מיט די יודען בלייבען אין מצרים?

דאָך ווערט זיך נישט געפינען קיין איין יוד, וואָס זאָל נישט שטרעבען קיין ארץ־ישראל. און אַפילו די, וואָס פאָהרען פון דאָרט אַרויס פאַר נויט; בלייבען אָבער מיט׳ן געדאַנק, אַז ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט וועלען זיי זיך צוריק אומקעהרען קיין א״י, וואו מ׳לעבט אַנ׳אמת יודיש לעבען און דער עיקר, אַ מענשליך פריי לעבען!

## נישט דערגרייכט דאָס געבענטשטע לאַנד...

ווען מ׳פאָהרט אַרויס פון אַלעקסאַנדריער פּאָרט אין דער ריכטונג קיין סיריען, מאַכט מען דורך אין 24 שעה מיט׳ן [...]יף דעם גאַנ[...] פון די יו[...]

ביירוט, וואָס ליגט ביי׳ם מיטעללענדישען ים, איז אַצינד דער הויפּט־צענטער פון סיריען, אויך אַלס סטראַטעגישער טיטעלפּונקט פאַר דער נייער מאַנדאַטאַרישער מאַכט — די פראַנצויזען, ווייל פון דמשק האָבען זיי געהאַט און וועלען ערשט האָבען גרויסע צרות. דערפאַר בעל־הבית׳עווען זיי אויף וואָס די וועלט שטעהט אין ביירוט. פראַנקרייך האָט פון סיריען נישט מעהר ווי אונאַנגענעהמליכקייטען, און דערביי האָט זי נאָך אַזאַ פּכּבוד׳יגען שכן, ווי ענגלאַנד, וואָס רייצט אונטער די דרוזען און אַנדערע שבטים געגען פראַנקרייך — אָבער עס פּאַסט דאָך נישט פאַר לייטען זיך אָבצוזאָגען פון מאַנדאַט...

אויב מען וויל וויסען אויף ריכטיג די בעציהונגען צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד, זאָל מען פאָהרען קיין עגיפּטען און סיריען. אַלס ביישפּיעל קאָן דיענען דער פאַקט. אין אָנהויב פון 1920 בין איך, פערבייפאָהרענדיג פּאָרט־סאַיד געווען אַנ׳עדות פון פאָלגענדען פאַל. פאַר דער עפענונג פון סועצער קאַנאַל שטעהט דער מאָנומענט פון דעם פראַנצויזישען אינזשיניער פערדינאַנד לעסעפּס (דער, וואָס האָט געעפענט דעם דורכגאַנג פון קאַנאַל און אַזוי אַרום פערבונדען דעם מיטעללענדישען ים מיט׳ן רויטען ים און געעפענט אַ קורצען וועג קיין אינדיען און כינא...) די ענגלענדער האָבען אָבגעקויפט דאָס רוב אַקציעס פון סועצער קאַנאַל און זענען געוואָרען די בעלי־בתּים צוערשט פון קאַנאַל און נאָכדעם פון עגיפּטען. איצט ווען די פראַנצויזען פון דער קאָלאָני־פּאָרט־סאַיד זענען אין יאַנואַר פון 1920 געקומען צום יאָהרצייט פון פערדינאַנד לעסעפּס און געלעגט בלומען אויף דעם מאָנומענט פון דעם בעריהמטען אינזשעניער, זענען געקומען די ענגלענדער און האָבען זיי אויף אַ ברוטאַלען אופן צוטריבען און געשלאָגען און פון די מאָנומענט צוריסען די פאָהן און אַלע קרענץ און בלומען, וועלכע זיי האָבען אין ים אַריינגעוואָרפען...

פונדעסטוועגען האָט נישט געשאַדט אַצינד, ווען איך בין אויפ׳ן וואונש פון דער ענגליש־פּאַלעסטינער רעגירונג פערהאַלטען געוואָרען אין ביירוט מיט׳ן פראַנצויזישען מאַנדאַט, אַז די ביידע רעגירונגען זאָלען זיין איינשטימיג. און

ינא • ראדיא

# טעאטער-דירעקטארען
## אקטער פון יודישען טעאטער?

„צענטראל"-טעאטער. נעהמט, למשל, די וואונדערבארע סעריע פיעסען פון אייראפעאישען רעפערטואר, וואס זענען אין דערמאהנטען טעאטער אזוי מייסטערהאפט אויפגעפיהרט געווארען דורכ'ן טאלענטירטען זיגמונד טורקאוו. ס'קומט מיר אויפ'ן זכּרון דער „רעוויזאר", א טיפיש-רוסישע קאמעדיע, א פרעמד מיליע, פרעמדע פערסאנאזשען, און דאך, ווי היימיש-יודיש האט געקלונגען גאגאל'ס מייסטערשטיק אין דער איבערזעצונג פון סעגאלאוויטש'ן.

א יודישער דירעקטאר, יודישער רעזשיסער און יודישער קינסטלערישער לייטער — דארפען שטענדיג שטעהן אויף דער וואך און שטענדיג האבען אן אפען אויער פאר דעם, וואס ס'טהוט זיך אין דער טעאטער-וועלט בכלל, און אלץ, וואס די וועלט-טעאטראלען זענען מחדש, טאר נישט בלייבען אינגאנצען פרעמד אויך דעם יודישען טעאטער; נאטירליך מוז יעדער עקספערימענט האבען אין זיך עפּעס פון א מין אויפברויז, וואס זאל קענען מיטרייסען די מאסען. יעדער נייער אויפטהו מוז בעזיצען אזעלכע קינסטלערישע איינגעשאפטען, מיט וועלכע מען זאל קאנען דערווארמען, אויפטרייסלען און פעראיידלען די מענשליכע נשמה און בעשאפען די אטמאספערע, צו וועלכער עס ציהט דעם מענש, וואס וויל אנטלויפען פון דער גרויער טאג-טעגליכקייט.

כאראקטעריסטיש איז דער ארגומענט אז דעריבער מוזען מיר זיך האלטען שטרענג ביים אויסגעשפראכען-יודישען רעפערטואר, ווייל אונזערע ארטיסטען זענען מעהר צוגעפאסט צו דער „קאפאטע", ווי צום גראפען-קאסטיום. דאס איז בפירוש נישט אמת. אין דעם פאל קען מען נאטירליך נישט רעדען וועגען כּלל, אבער ס'זענען פאראן יודישע ארטיסטען, וואס טראגען דעם „סמא-קינג" מיט דער זעלבער שארמאנטקייט און נאטירליכקייט, וואס זייערע נישט-יודישע קאלעגען. פאראן גענוג יודישע ארטיסטינס, וואס מיט זייער אויסערליכער עלעגאנץ און גראציעזקייט האבען זיי זיך נישט צו פערשעמען אפילו פאר דער ראפינירסטער פאריזערין.

זעלבסטפערשטענדליך, אז די ערשטע אויפגאבע פון בעסערן יודישען טעאטער איז אויפצופיהרען אריגינעל-יודישע פיעסען, אויב, נאטירליך, די דאזיגע פיעסען בעזיצען קינסטלערישע ווערטען און סצעניש לעבען, וואס איז דער „אלף" און דער „תו" פון ראציאנעל-געפיהרטען טעאטער. די איבערגעטריבענע פאוואריזירונג פון ריין-יודישען רעפערטואר קען אבער דאס יודישע טעאטער צוריקשטויסען צו דער תקופה פון „פינטעלע יוד", צו די געשמאקע ליעדלעך וועגען „תורה'לע" און „פאלקעלע"... אז דאס וואלט געווען זעהר שעדליך פאר'ן ווייטערדיגען וואוקס פון יודישען טעאטער, איז, דאכט זיך, קלאר פאר אלעמען.

אויפ'ן סמך פון מיין לאנגיעהריגער טעאטער-פראקטיק קאנסטאטיר איך, אלזא, אז אלץ, וואס ווערט געשאפען אויף דער יודישער ביהנע מיט'ן כּח פון אונזער קרעפטיגער מאמע-שפראך ווערט דורכן פראצעס פון שאפען אליין שוין אונזער [illegible] טעאטער. [illegible]

[illegible] אטער—ווע[illegible]

## פילם-וועלט.

באלד איינגענאנגען אויפ'ן פארשלאג און נאך עטליכע פראבעס, האט זיך ארויסגעוויזען, אז חוץ, וואס זי איז שען, בעזיצט דאס פרייליין סצענישע פעהיגקייטען. מען האט איהר באלד אנגעטרויט אויסצופיהרען די הויפט-ראל פון „נעיעג נאך גליק" אלס פארטנערין פון בעוואוסטען רעגינאלד דעני. אזוי-ארום איז בארבארא ווארט א דאנק בלויז א צופאל געווארען א וועלט-בעריהמטקייט.

---

קינא איז מעהר בעליעבט ווי טעאטער. עס דרינגט אריין אין דער נשמה — פון קינסטלער — אבער דרינגט נישט אריין טיעף אין דער נשמה פון צושויער —

ווייל דער וועג איז נישט קיין דירעקטער: און נשמה נויטיגט זיך אין אונמיטעלבארקייט!

# ...און איך זאג אזוי:

דאס יודישע טעאטער איז איצט בעזארגט (נישט בעדראהט). פונקט, ווי עס קאן נישט עקזיסטירען טאלענט אהן מאטעריעלער פערזארגונג, אזוי קען אויך נישט עקזיסטירען טעאטער בלויז אויף געשעפט אהן טאלענט. מיר וואלטען דעריבער געדארפט עקלארירען פאר דער וועלט אונזער ענערגיע אויפ'ן געביט פון געשעפט-מאכעריי: אפשר דארף זי (די וועלט) פיהרער, לייטער, סעקרעטארען, אפילו ביז פינאנץ-מיניסטארען, אלס נאטירליכע אבוועקסלונג און אויסבייט פאר א צוויי-דריי גוים, וואס זי זאל אונז געבען אין אונזער קונסט אריין. איבריגענס מיר וואלטען איהר אויך געקאנט אוועקגעבען אונזערע קולטור-מאכער, נאר די ש ע פ ע ר זאל זי אונז געבען.

די איצטיגע פרעטענדענטען ביי אונז אויף רעזשי און טעאטער-אויפבוי — לאמיך בעסער זייערע נעמען נישט דערמאהנען, ווייל עס וועט מיר נישט קלעקען גענוג ביטול פאר זיי: אומעטום זוכען זיי דאס לאך פון זייער גייסט צו פערלאטען מיט נאך אן איבריגע רעקלאמע.

וואס כ'האב אויבען געזאגט: „בעזארגט (נישט בעדראהט)", מיין איך דערמיט, אז דער שטארקער גייסט, וואס זאל דאס טעאטער ארדנען, וועט געוויס קומען אין דער נאהנטסטער צייט (קען זיין, אז ער שטעהט שוין הינטער אונזערע פלייצעס), דען צו-פיעל אויפמערקזאם איז שוין דערויף אונזער צייט.

**י. מ. ווייסענבערג.**

## בעטראכטונגע:

דער רעדעוודיגער קינא איז א נייער געפעהרליכער קאנקורענט פארן טעאטער.

איין פיעסע, פילמירט צוזאמען מיט'ן ווארט און געזאנג, וועט אין איין טאג קאנען אויפגעפיהרט ווערען אין פערשידענע ישובים. דאס זעלבינע — וועגען יודישע פיעסען. יודישע אקטיארען ווערען שוין אנגאזשירט צו פילם-טעאטער. די דאזיגע ערפינדונג קאן ווערען א טויט-קלאפּ פאר דער לעבעדיגער ביהנע. הן מאטעריעל און הן גייסטיג.

72460

# פון מײן נאָטיץ בוך

(שלוס פון זייט 4)

איז באַגאַנגען א גרויסע עולה קעגן די אידישע העלדענהאפטיגקייט פון אנדערע. צו האבן מיר דען ווייניג בײשפילן פון אידישן העלדענמוט פאר אידישע אינטערעסן אין דער נייער געשיכטע פון אידישן פאלק? ווי קען מען זיך בכלל ערלויבן צו פארשווייגן די העלדענהאפטע פאר־טיידיגונג פון אידישן זעלבסטשוץ פון „בונד״ און פון די „פועלי ציון״ אין פריערדיגן רוסלאנד? און האבן די אידישע ארבייטער און אידן בכלל אין פאלעסטינא ארויסגעוויזן ווייניג מוט אין לעצטן פאלעסטינער פאגראם קעגן די אראבער, ווען זיי האבן זיך אלס א מינדערהייט אנטקעגן גע - שטעלט קעגן די מאיאריטעט פון אראבישע באנדיטן?

קען זיין אז דאס געניגט ניט שווארצבאהרן און אז ער וויל ניט מיליטערישן שטייגער. אויב אזוי מוז אנדערש ווי א אידישע ארמע. וואס זאל מלחמה האלטן אויף און אמתן מען זיך דאך פרעגן צו עס איז פאראן א מעגליכקייט דערפאר, און אויב מען האלט עס פאר א מעגליכקייט הארף מען עס ווייניגסטענס אטווייזן ווען מען רעט אפיר דריקט אזעלכע זאכן אין אזא פאטעטישן טאן. דאס איינציגע מאל וואס אידן האבן גע־האט א געלעגנהייט זיך צו באטיי־ליגן אין אן אייגענער ארמעע האבן זיי עס דאך פריוויליג געטאן. צו האבן די הונדערטער אידישע יונגע לייט, וואס האבן געקעמפט אלס אידישער לעגיאן אונטער דער ענגלישער אנ־פירונג ניט געקעמפט פאר אידישע אינטערעסן? טא פארוואס פארשווייגן אזעלכע פאלן ווען מען באשולדיגט דאס גאנצע אידענטום אז זיי בלוטן פאר פרעמדע אינטערעסן און פאר־נאכלעסיגן זייער אייגן בלוט?

אזא באציאונג און געדאנקען גאנג איז אומפארמיידלאך ווען מען קריכט אויף די גלייכע ווענט פון מלחמה פאטריאטיזם און מען שפילט זיך מיט זשאבאטינסקיס שווערדלאך. מיר האבן דעם גרעסטן רעספעקט פאר פריינד שווארצבארדס העלדענהאפ - טיגקייט פון דער פארגאנגענהייט. זיי־נע צוקונפטיגע מיליטאריסטישע פלע־נער פארדינען אבער אין בעסטן פאל א קוועטש מיט די פלייצעס.

# יובילעאום אוונט פון בר. 601 א. ר.

דער נאציאנאל פראגרעסיווער אר. דינג ברענטש 601, ווערט א יאר אלט זינט ער האט זיך געגרינדעט, צו דער געלעגנהייט, ארדענט דער ברענטש איין א שמחה׳לע, און לא - ... די אקטיווע א. ר. מיטגלי- ... קטע טישן

---

עס האט זיך שוין גאט צו דא...

# ...ר אידישע שטימע
# CALIFORNIA JE...

2600 BROOKLYN AVE.
LOS ANGELES, CA...

Published Weel...
THE CALIFORNIA JE...
A. BABITZ, Managing Editor—SAMUE...

Subscription P...
Per Year..............................$2.00 S...

Entered as Second Class Matter, May ...
Los Angeles, Calif., under the ...


## ...און אונזער סוכה־חיים

...יליך ביי אידן.. מיט וואָס האָבן זיך ... געוואונענע שלאַכטן, ניט איבער מאַ-...בער אַ גרויסן גייסטיגן אוצר, וואָס איז ...- די תורה. עס איז געווען דער פּעמ-...יז דער „מקור החיים", דער קוואַל פון ...טויט, אָדער עפּעס, וואס איז נאך ערגער ...עדיגע מתים.

... ניט בלויז טעאָריע, נאָר וואָס האָט זיך ...קטיק אויף שריט און טריט. דאָס אידי-...ט געהאַט קיין אנדער אינהאלט, קיין אַנ-... הקיום אָן דער תורה. „ישראל ואוריתא ... דאָס אידישע פאָלק זיינען איינס, מיט ...פאָלק, און עס איז דאָ אַ זין פאַר די ...זיר פאַלט אלץ אוועק.

# ביי אונז
# און ביי לייטן

פון אַן אייגענעם

ווען די אידן מאַכן ניט אַזאַ טומל וואָלט שוין אין דייטשלאַנד לאַנג גע-ווען שטיל מיט דער אידן פראַגע — זאָגט מיניסטער געבעלס. ער מיינט געוויס שטיל ווי אויף אַ בית עולם, אַז קיין האָן וואָלט נאָך די דייטשע אידן ניט אַ קריי געטאָן.

---

אידישער דאָקטאָר געשלעפּט אי-בער די גאַסן פון דייטשלאַנד פאַר אויסגיין מיט אַ דייטשער שיקסע. די נאַציס ווילן אַז ביי זיי זאָל יעדע-רער „אויסגיין" באַזונדער.

---

רויטע דעמאָנסטראַנטן דערשאָסן אין קובאַ. די לאַגע אין קובאַ הויבט אָן ווערן ענלעך צו דער לאַגע אין דייטשלאַנד, מיט דעם אונטערשייד וואָס זי איז ניט נאַרדיש. דערפאַר איז זי אבער פּונקט אַזוי מאָרדיש.

---

אין רוסלאַנד זאָגט מען האָט מען לעצטענס פאַרבאָטן צו נוצן די אידי-שע קללה „איך האָב דיך אין דרערד". ווייל די ערד באַלאַנגט איצט צום סאָוועטן פאַרבאַנד, און האָבן פּערזענ-ליך אוּמיצן אין דרערד ... ...זשאַזע האָ...

# Un alto en un Cementerio Judío

(Viene de la pág. 26)

72461

dantesco. Entonces, como una aparición de espectros, surgieron delante de nosotros todos nuestros refugiados, tiritando de miedo, de hambre y cansancio. En sus rostros se reflejaban todos los sufrimientos y dolores, que sólo el pueblo judío es capaz de soportar!!!

Ahora se trataban de conseguir armas, y después de habernos concertado, decidimos ir en su busca. Yo conocía un lugar adonde suponía que podríamos aprovisionarnos de municiones y comestibles. Señalé a mis compañeros, no muy lejos, a 2 verstas, una granja perteneciente a un rico koulak. Se podían ver las ventanas alumbradas. En silencio, nos dirigimos hacia la luz, y, con precaución, tratamos de ver lo que pasaba en el interior! El espectáculo que se ofreció entonces a nuestros ojos fué completamente opuesto a aquél que acabábamos de ver! Allá reinaba la tristeza, el dolor, allí una orgía de gritos, cantos y vociferaciones. Había, más o menos, 10 hombres, todos perdidamente borrachos. Decidí con mis compañeros, asaltar la granja. Para ello penetramos cada uno por una aberutra, lo que fué fácil, pues no hubo resistencia. Después de haberlos colocado en un lugar seguro, revisamos la granja, y me di cuenta de que mis sospechas eran bien fundadas! Encontramos un verdadero arsenal y un stock de mercaderías producto del saqueo de las casas judías.

Uno de mis compañeros enganchó la carreta, y empezamos a llenarla de todo lo que pudimos encontrar; armas, pan, alimentos de toda clase y vodka.

Nos procuramos uno un caballo, y dejamos la granja al cuidado del ejército rojo, que no tardaría en llegar. Nos volvimos a galope en dirección al cementerio. Uno de nosotros se destacó y se fué adelante a llevar la buena noticia. Cuando estuvimos todos reunidos, empezamos el reparto del botín, consistente en una buena ración de vodka y alimentos para fortalecer y reanimar todos esos pobres corazones desgarrados. Y mis reclutados recibieron también sus armas. Después que nos hubimos fortificado, el alba apareció, ahuyentando la espantosa noche, y una gran calma sucedió al tumulto de la víspera!

Emprendimos el camino de la ciudad y al son de cantos revolucionarios, la caballería roja apareció!!!!

**SAMUEL SCHWARZBARD**

Montevideo, 1932.

de significación.

Ante el jurado constituído por: Juana de Ibarbourou, Chela Cordero Slaon, Carlos Sabat Ercasty, Abelardo Rondan, Fernando Nebel, Carlos M. Princivalle, Juan Ilaria y Rodríguez Legrand, ascendieron al estado y recitaron poemas de distintos autores, las seis alumnas que se presentaron a obtener el título de profesoras en el difícil arte de intérpretes de la poesía.

La primera en hacerlo, fué la Sta. Juana Abirat, que cautivó a la concurrencia con la emoción contagiosa de su hondo decir, emoción que culminó en la interpretación de los poemas de Sabat Ercasty, Tagore y Delmira Agustini. Una salva de aplausos estalló en honor de la señorita de Abirat.

Luego compareció ante el jurado y la numerosa concurrencia la Sta. Elena Olmos, cuya técnica impecable puso de manifiesto al recitar versos de Frugoni, Juana de Ibarbourou, Julio J. Casal, Basso Maglio, Delmira Agustini y Armando Vasseur.

Acallados los aplausos a la labor de la señorita de Olmos, su compañera la Sta. María A. Dutra, dijo poemas de Dualde, Juana, Nebel, Nervo, Delmira y Vicente Medina, siendo muy aplaudida. Y tocóle el turno a Yolanda Giffuni Frangella, una de estrellas de la E. de Declamación, cuya singular belleza física se ilumina al influjo de su arte, que puso de manifiesto al decirnos poemas de Raquel, María E. Vaz Ferreira, J. H. Ressig, Delmira Agustini y Nervo.

Yolanda Giffuni, fué, al decir de Jua-



**Moncna del Pino Bustamante, que expone unas acuarelas en el Círculo de la Prensa y para quien tenemos las palabras de elogio que merece, y que, por falta de espacio, no publicamos**

# La Postrera

(Viene de la Página 22)

—Pero tú se lo mostrarás a tú mamá...

—Sí, sí...

—Dejame sólo, Zanette; anda a jugar...

No se atrevía ya a abrir los ojos, a pesar de que la niñita brillaba muy cerca de él, tan preciosamente... Le hubiera